בס"ד

שבת מברכים שבט | ר"ח יום שני | המולד יום ראשון 15:06 | 11 חלק

שבת מברכים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

וארא

כ"ח טבת תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:23 |
| מוצש"ק | 5:39 |
| ר"ת | 6:17 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:27 | סוז"ת א' 9:34 |
| סוזק"ש ב' 9:11 | סוז"ת ב' 10:04 |

גליון מס': קס"ט

שנה ד'

## טיב המערכת

## אלעס איז צום גוטן!

עס איז אמאל געווען א מעשה מיט א חסיד וואס איז געווען מקושר צו זיין רבי דער הייליגער "יסוד העבודה" פון סלאנים, וועלכער האט געהאט א טאכטער א כלילת המעלות, און ווען עס איז געקומען די צייט פאר איר חתונה צו האבן, האט איר טאטע איר חתונה געמאכט צו א בחור וועלכער איז אויך געווען א כליל המעלות, אבער אינמיטן די שבעת ימי המשתה איז געשען א גרויסער אומגליק, און דער חתן איז אוועק פון דער וועלט. אויסער דער אומגליק אליין, פון די פטירה פון דער חתן, לא עלינו, איז אויך געווען נאך א צרה, ווייל נייע כלה האט געדארפט טון "חליצה", און דער חתן האט נאר געהאט איין ברודער וועלכער איז געווען צוויי יאר אלט, און די כלה האט געדארפטווארטן עלף יאר ביז דער יונגל וועט ווערן א "גדול" און זיין "ראוי לקיימו".

איז איר טאטע אריינגעאנגען צום הייליגן סבא קדישא פון סלאנים און ער האט אים געפרעגט פארוואס דער אויבערשטער האט דאס געטון. האט אים דער רבי געזאגט: וויסן זאלסטו, אז א גרויסער חסד האט מען געטון מיט אייך פון הימל, ווייל צוליב עפעס א סיבה איז נגזר געווארן אויף דיין טאכטער אז זי זאל אויפבויען איר שטוב ווען זי וועט זיין דרייסיג יאר אלט. און אויב וואלט דער זאך נישט געשען, וואלט איר געזוכט איר זיווג פאר יארן לאנג, און איר וואלט נישט געקענט שלאפן ביינאכט, זייענדיג באזארגט פארוואס איר טרעפט נישט קיין שידוך פאר איר, און אויך ווען דער צייט וואלט געקומען פאר איר צו אויפשטעלן א אידישער שטוב, וואלט איר נישט געטראפן א פאסיגער בחור וואס וועט וועלן חתונה האבן מיט איר, וויבאלד מען וועט זאגן אז אויב זי האט נישט געטראפן איר זיווג ביז זי איז געווארן דרייסיג יאר אלט, איז מן הסתם איז דא אין איר עפעס א חסרון.

דעריבער האט הקב"ה רחמנות געהאט אויף אייך, און ער האט געברענגט איבער אייך א סיבה פון פריער, אז איר זאלט פארשטיין אז עס איז נאכנישט געקומען דער צייט פאר איר צו חתונה האבן, און דערמיט האט ער איינגעשפּאָרט פון אייך דער זארג פאר א שידוך, און אויך ווען דער צייט וועט קומען וועט זי זוכה זיין צו א גוטער שידוך, ווייל מען וועט נישט חושד זיין אז זי האט עפעס א חסרון, וויבאלד יעדער וועט פארשטיין אז די חליצה האט אפגעהאלטן דער זאך.

אט דער מעשה, און נאך אסאך מעשיות אזוי ווי דעם, העלפן אונז פארשטיין די ווערטער פון אונזערע הייליגע חז"ל וואס האבן געזאגט אז 'כָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד', און טראצדעם וואס אין אנהייב זעען מיר נישט דאס גוטס מיט אונזערע 'פליישיגע אויגן', אבער אין מערסטנס פעלער זעט מען דאס גוטס דערפון אין א שפעטערדיגע צייט.

אט דער ענין איז נרמז אין אנהייב פון די פרשה פון די וואך, 'וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה'', 'דִּבּוּר' איז א לשון קשה, און 'אֲמִירָה' איז א לשון רַכָּה, דער שם 'אֱלֹקִים' ווייזט אויף מדת הדין, און דער שם 'הוי"ה' ווייזט אויף מדת הרחמים, זאגט דער פסוק 'וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים', אז ווען עס איז דא א בחינה פון שווערקייט, וואס דאס איז מרומז אינעם לשון פון 'דִּבּוּר', און א בחינה פון דין וואס איז מרומז אינעם שם אֱלֹקִים, דעמאלטס זאלסטו וויסן אז אין אמת'ן איז דאס די בחינה פון 'ויאמר', וואס דאס מיינט אמירה רכה, 'אֲנִי הֲוָיָ"ה', וואס דאס הייסט מדת הרחמים. נאר, פאר די פליישיגע אויגן איז דאס נאכנישט קענטליך, און מיר דארפן זיך מחזק זיין מיט אמונה אז אלעס איז צום גוטן.

(עפ"י טיב התורה – וארא)

## טיב הפרשה

# משה רבינו האט אויפגעהויבן די נשמה פון כלל ישראל

## ולא שמעו אל משה מקוצר רוח

אין די פרשה לערנען מיר אז משה רבינו האט גערעדט צו כלל ישראל און זיי דערציילט איבער די גאולה וואס גייט קומען, אבער כלל ישראל האט נישט געהערט וואס זיי רעדן ווייל עס איז געווען ביי זיי די בחינה פון 'מקוצר רוח ומעבודה קשה'.

עס איז ידוע אז א מענטש ציט חיות פון דריי בחינה'ס, די בחינה'ס זענען די נפש, רוח, ונשמה.

פון די אלע דריי איז דער 'נפש' פון א מענטש די נידריגסטע דרגה, אין איר ליגט דער כח החיות איבער די איברים פון דער מענטש. יעדע פעולה אדער מעשה וואס דער מענטש טוט אויף די וועלט קומט פון איר. אויב עס איז א גוטע מעשה, ווערט ער נתעלה דורך איר. אויב עס איז חלילה נישט א גוטע מעשה, ווערט די נפש אראפגעשלעפט דורך איר.

א העכערע דרגה אין דער מענטשליכער קערפער איז די 'רוח'. די כח הדיבור וואס א מענטש האט, נעמט זיך פון זיין רוח, ווי מען זעט אין תרגום אויף פרשת בראשית אויף דער פסוק [בראשית ב. ז] ויהי אדם לנפש חיה, אז די תרגום טייטשט אויף דעם 'וַהֲוַת בְּאָדָם לְרוּחַ מְמַלְּלָא'.

אויך ביי די רוח איז דא די זעלבע בחינה ווי ביי דער נפש. אויך ביי איר אויב דער מענטש נוצט די דיבור אויף גוטע זאכן ווי אויף 'תורה' און אויף 'תפילה', דערהייבט ער דער כח הרוח אין זיין קערפער אז עס גייט ארויף מעלה מעלה. אויב עס איז חס ושלום די פארקערטע, אז ער נוצט עס אויף שוואכע זאכן, אדער ווען ער נוצט עס אויף וועלטליכע זאכן האט ער דערביי נישט קיין גוטע כוונה'ס, איז ער מוריד די מדריגת הרוח שבו.

די העכסטע דרגה איז די 'נשמה'. די נשמה פון א מענטש שטייגט איבער אויף די צוויי פריערדיגע דרגות. די כח פון די 'נשמה' איז די כח המחשבה ביי א מענטש. דורך איר איז מען זוכה צו פארשטיין די וועלט, צו די כוחות וואס דער מענטשליכער מח פארמאגט, די דריי בחינות פון 'חכמה' און 'בינה' און 'דעת'.

דורך איר פארשטייט א מענטש זיין תכלית אויף די וועלט, מיט זיין דעת איז ער קולֵט די ווערטער פון די הייליגע חכמים, די תורה וואס עס שטייט אין די ספרים הק' און ווי אזוי ער קען זיך מדבק זיין אין דער בורא כל העולמים, ווי אזוי מייחד צו זיין זיינע מעשים פאר א העכערע תכלית און א העכערע צוועק אויף די וועלט.

מיט די 'נשמה' איז דער איד זוכה נתעלה צו ווערן מעלה

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

מעלה, אבער עס ארבעט אויףביידע וועגן.

יעדע פעולה וואס א מענטש טוט אויף די וועלט הייבט זיך אן מיט די מחשבה. ער טראכט וואס ער זאל טון, און איינמאל ער פארשטייט וואס ער האט צו טון קען ער גיין א טרעפל ווייטער און עס אויספירן אויף למעשה. דאגעגן ארבעט עס אויך אויף די פארקערטע טייל. די כח הנפש און די כח הרוח זענען מעורר די מח צו טון זאכן און צו טראכטן פון זיי. דורך איר ווערט נולד אַן אִתְעֲרוּתָא דִּלְתַתָּא און עס ווערט נולד די רצון אויסצופירן פרישע זאכן.

בדרך אפשר קען מען זאגן אז די בחינה איז דא מרומז אין פסוק. די תוה"ק דערציילט אונז די השתלשלות הדברים, אז הקב"ה האט געזאגט פאר משה רבינו ער זאל גיין רעדן צו כלל ישראל און זיי מעורר זיין זיך צו גרייטן צו יציאת מצרים, אבער משה רבינו זאגט אז כלל ישראל הערט נישט וואס ער רעדט צו זיי 'מקוצר רוח'.

דער 'מקוצר רוח' קען זיין על פי פשטות, אבער אויך מיט די דערמאנטע בחינה. דער זוה"ק איז מגלה [תיקוני זוהר קיד] אז 'אִתְפַּשְׁטוּתָא דְּמֹשֶׁה בְּכָל דָּרָא וְדָרָא', אז דער כח פון משה רבינו שפרייט זיך אויס אין יעדן דור.

עס ליגט אין דעם א טיפערער דערהער. משה רבינו איז דער דעת פון כלל ישראל. ער איז ווי די 'נשמה' פון כלל ישראל, און דורך אים קומט אָן א התעוררות צו כלל ישראל. דורך זיינע כוחות איז זיך כלל ישראל מתעורר אז מען דארף ארויסגיין פון מצרים און פון די ביטערן גלות און אז עס איז געקומען די צייט פאר הרחבת הדעת - מרחיב צו זיין די דעת אויף כלל ישראל און זיך אנגרייטן ארויפצוגיין א העכערע דרגה און מקבל זיין די תורה הק' און דערהייבן זי זעהלישע טייל פון כלל ישראל.

משה רבינו פון זיין זייט איז מקיים דער טייל. ער גייט ארויס צום כלל ישראל און איז זיי מעורר אז זיי זאלן זיך דערהייבן מעלה מעלה, אבער זיינע ווערטער ווירקן נישט אויף כלל ישראל. די סיבה דערצו איז ער מרמז אין פסוק ווייל די רוח איז 'קוצר', עס איז נישט דא קיין עכטע אתערותא דלתתא, די 'מיין תתאין' וועלכע זענען מעורר די 'מיין עילאין' איז נישט דא.

ביי כלל ישראל האט בימים ההם געפעלט די כוחות הנפש זיך צו קענען ריכטיגע דערוועקן צו הקב"ה, פון די עבודה קשה אין וואס זיי זענען געלעגן און פון די ביטערע שעבוד האבן זיי נישט געהאט די כוחות הנפש צו מאכן די אתערותא דלתתא, צו קענען מקבל זיין די כוחות וואס משה רבינו האט געוואלט משפיע זיין אויף זיי.

נאר שפעטער ווען זיי זענען געקומען צו זיך האבן זיי זיך געקענט דערוועקן צו די בחינה, און נאכ'ן מאכן די אתערותא דלתתא איז געווארן אַן אתערותא דלעילא, און זיי האבן זוכה געווען צו קענען ארויסגיין פון מצרים און ווערן אויסגעלייזט און מקבל זיין די תורה הק'.

מיט די בחינה קען מען אויך פארשטיין די ווערטער פון דער הייליגער אר"י הק' (מחברת הקודש, תחילת שער השבת, ועיין בזה גם כן בשער הכוונות בענין ויהי נועם) ווי אזוי ער צעטיילט די ששת ימי המעשה פון די וואך אויף דריי באזונדערע חלקים. ער זאגט אז די 'נפש' פון די וואך איז די טעג 'דינסטאג און מיטוואך', די רוח איז די 'מאנטאג און דאנערשטאג', און ווייל זיי זענען ימי הרוח און די רוח איז מרמז צו די דיבור האט עזרא הסופר מתקן געווען אז אין די טעג זאל מען ליינען די תורה, און זונטאג און פרייטאג זענען די ימי הנשמה.

מיר ווייסן דאך אז דער ציל פון די וואך איז אז ווען עס קומט צוגיין די שבת קודש זאל מען עולה זיין מעלה מעלה און צוקומען צו די הויכע דרגה פון 'יראה' וואס איז דא שבת, אבער אז די עליה זאל קענען געשען פאדערט זיך אז אין די טעג פריער זאל מען מאכן אן עליה פאר'ן שבת קודש. די הכנה דארף זיך אנהייבן מיט די בחינה פון די נפש און גיין מעלה מעלה ביז צו די נשמה און דאס געפינען מיר אין דער סדר פון די וואכענטעג.

די וואך הייבט זיך אן זונטאג, עס הייבט זיך אן מיט די איינפלוס פון די שבת קודש, אין דעם טאג דערוועקט מען די חלק הנשמה פון דער מענטש. אין דער מענטשליכער מח ווירבלט זיך מחשבות ווי אזוי אויפצוהייבן די כח פון א מענטש. דאס שלעפט אריין דער מענטש אויפצוהייבן די חלק הנפש והרוח. עס הייבט זיך אן מיט דער חלק הרוח אז די 'נשמה' איז מעורר דעם 'רוח', און די 'רוח' איז מעורר דעם נפש, און שפעטער גייט עס פון אונטן אויף ארויף, אז די 'נפש' הייבט אויף דעם 'רוח' און די 'רוח' הייבט אויף די 'נשמה', און מכח דעם הייבט זיך אויף דער שבת קודש און די שבת קודש איז א דערהויבענער, און מען איז זוכה אין איר צו די בחינה פון 'יראה', אז דער שבת קודש זאל זיין אין די בחינה פון יראה, אזוי ווי עס דארף זיין א שבת קודש.

זאל הקב"ה העלפן אז מ'זאל זיך קענען דערוועקן און אויפהייבן דער כח הנשמה אין זיך און זוכה זיין נתעלה צו ווערן מעלה מעלה אין עבודת ה'.

טיב ההשגחה

מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן הזך לייִנעדס

# הבא לטהר / די גילוי איבער דעם פדיון הבן

עס דערציילט מורינו ורבינו שליט"א: איין טאג האב איך באקומען אן איינלאדונג פון א ישיבה פון בעלי תשובה אז כ'זאל קומען אויפטרעטן ביי זיי אין די ישיבה.

עס איז נישט די ערשטע מאל ווען כ'געב איבער אזא שמועס, אבער יעדעס מאל ווען כ'קום אהין ווער איך באגייסטערט פונדאסניי ווי אזוי עס גייט צו און ווי אזוי די בעלי תשובה רעדן פון אידישקייט מיט אזא ווארעמקייט און מיט אזא ברען.

מיין שטייגער איז אז ביי יעדער אזא באזוך וועל איך זיך מיטברענגען 'קבלה צעטלעך' און עס פארטיילן פאר די תלמידים. איך וועל זיי פאָרשלאָגן און מציע זיין, אז ווער עס נעמט זיך פאר א קבלה טובה וועל איך מיטנעמען זיין קבלה צעטיל און דאווענען פאר אים ביי מיין קומענדיגער באזוך ביי די קברי צדיקים.

אויך ביי יענער באגעגעניש האב איך געטון די זעלבע זאך. אויפ'ן טיש האב איך פארגעלייגט די 'קבלה צעטלעך', ווארטנדיג אז דער עולם זאל זיך ווארעם אנרופן און מקבל זיין אויף זיך גוטע קבלות. עטליכע בחורים האבן גענומען און מיר צוריקגעגעבן די צעטלעך און ביי דעם קומענדיגן באזוך אויף די מקומות הק' האב איך אראפגעלייגט זייערע צעטלעך ביים ציון הק'.

פון יענער געשעעניש איז אריבער גאנצע צוויי וואכן. איך האב שוין עספיעט צו פארגעסן די יעניגע געשעעניש, ווען איך האב פלוצלונג דערהאלטן א טעלעפאן קאלל פון די ישיבה אז מען לאדענט מיר איין אויף צוויי פדיון הבן'ס פאר צוויי עלטערע בחורים פון די ישיבה.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איינער פון די בחורים האט מקבל געווען אויף זיך אז מהיום והלאה ביים תפילין לייגן גייט ער נאכ'ן לייגן זאגן די פרשה פון 'קדש' און פון 'והיה כי יביאך'.

דער בחור האט עס אנגעהויבן זאגן, ער האט אפגעלערנט די פירוש המילות און זיך באקענט מיט א נייער מצוה, וועלכער ער האט נישט געוואוסט אז זי עקזיסטירט בכלל, די מצוה פון פדיון הבן.

דער בעל תשובה איז א בכור. קומענדיג פון א שטוב וואו מען האלט נישט קיין 'תורה ומצוות', האט ער געפרעגט זיינע עלטערן צי מען האט געמאכט פאר אים א פדיון הבן. די תשובה איז געווען אז ניין, מען האט נישט געמאכט ביי אים קיין פדיון הבן.

עס איז געווארן א רעש אין ישיבה, מען האט אנגעהויבן רעדן וועגן דעם, און נאך א בחור האט זיך דערוועקט, אז אויך ער איז א בכור, ער האט אנגעפרעגט אין שטוב צי מען האט אים געמאכט א פדיון הבן צי נישט.

אויך דער צווייטער בחור האט באקומען די זעלבע ענטפער פון זיין שטוב, אויך ביי אים האט מען נישט געמאכט קיין פדיון הבן.

מען האט מיר - אלץ כהן - געלאדענט צו קומען מאכן א פדיון הבן פאר די צוויי בחורים.

אין זכות פון די קבלה טובה האבן די צוויי בעלי תשובה זוכה געווען אז מ'זאל מאכן פאר זיי א פדיון הבן.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מורנו ורבינו שליט"א]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

**אין פסיקתא** (רבתי פיסקא ו) ווערט דער פסוק גע'דרש'נט מיט די פאלגנדע ווערטער: "פָּתַח **רַבִּי תַּנְחוּמָא** בֵּי רַבִּי, זֶה הוּא שֶׁאָמְרָה רוּחַ הַקֹּדֶשׁ עַל יְדֵי שְׁלֹמֹה (משלי כב, כט) חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב וכו'. 'חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ', זֶה מֹשֶׁה, מַנְהִיג אֶת הַצֹּאן אַחַר הַמִּדְבָּר, מִזְדָּרֵז בִּמְלַאכְתּוֹ, כֵּן בְּרוֹעִים עָשָׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם, וּבֵין בְּנוֹתָיו שֶׁל יִתְרוֹ שֶׁדָּלָה וְהִשְׁקָה לְצֹאנָם. - אָמַר **רַבִּי יְהוּדָה**, אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נזדרזת בִּמְלַאכְתְּךָ, חַיֶּיךָ 'לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב', הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר וְהִתְיַצֵּב לִפְנֵי פַּרְעֹה וכו'. נִזְדָּרַזְתָּ בִּמְלַאכְתְּךָ לִפְנֵי פַּרְעֹה, בֹּא וַעֲשֵׂה סַרְסוּר בֵּינִי וּבֵין בָּנַיי שֶׁנִּקְרָאִים מַלְכוּת, שֶׁנֶּאֱמַר (יט, ו) וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וכו'".

פון דא לערנען מיר ארויס, אז די זכות פון איין מצוה ברענגט מיט זיך נאך א מצוה. און זו אויך דארט אין מדרש, אז ענדליך צו דעם געפינען מיר אויך ביי יוסף הצדיק, ביי דניאל און ביי שלמה המלך עליהם השלום, זע דארט. און אזוי ווי מיר האבן געלערנט אין **פרקי אבות** (ד, ב) אז **מִצְוָה גּוֹרֶרֶת מִצְוָה**.

***

רבינו הגדול בעל **החתם סופר זצוק"ל** פלעגט שרייבן מערסטנס פון זיינע תשובות אין די שעות פון פארטאגס, ווען דער גאנצער וועלט איז פארזינקען אין שלאף. אזוי ווי מיר זעען אז אין מערסטנס פון זיינע תשובות שרייבט ער עס אונטער 'כאור בוקר', אדער 'נגהי יום' וכדומה, עיין שם.

אין אט די שעות האט ער זיך אינגאנצן ארייגעלייגט **בְּעָמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה** אן קיין שטער, און נאכדעם במשך דעם גאנצן טאג איז ער געווען אינגאנצן באשעפטיגט אין די עניני הכלל און אין די לימודים אין די הייליגע ישיבה, ווי אויך אין די אנדערע אָנגעלעגנהייטן פון די שטאט **'פרעשבורג'** הַגְּדוֹלָה לֵאלֹקִים, וואס די אלע זאכן זענען אנגעקומען צו אים זייענדיג דארט דער מָרָא דְּאַתְרָא.

איין טאג, אין אט די קליינע שעה'ן פון דער נאכט, פארן עלות השחר, אינדערצייט וואס רבינו משה איז געווען איבערגעבויגן שרייבנדיג זיינע הייליגע תשובות, און אט הערט זיך א שטילער קלאפ אויפן טיר פון הויז.

ווען דער הייליגער חתם סופר האט געהערט אט די שטילע קלאפעריי, האט ער גלייך געטראכט צו זיך: ווער קען דאס זיין, אין אזא סארט שעה? זעט אויס אז עס איז אן ארימאן וואס שעמט זיך צו קומען בייטאג, ווען יעדער קען זען, און דעריבער קלאפט ער אויך אזוי שטיל... ווייל אן עושר קלאפט דאך מיט מערק שטארקייט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי יח, כג) "וְעָשִׁיר יַעֲנֶה עַזּוֹת"... - דעריבער ווי פארוואונדערט איז ער געווארן ווען ער האט געעפנט דער טיר און געזען ווי דער חשוב'ער **'ראש הקהל'** שטייט פאר אים בְּבֹשֶׁת פָּנִים.

מיט זיין גרויס חכמה האט דער הייליגער חתם סופר גלייך פארשטאנען אז עפעס טיפער ליגט דא באהאלטן, און נישט אומזיסט האט דער עושר באשלאסן זיך אריבערצוכאפן ביי אים אזוי שטיל אין אזא שפעטע נאכט שעה. ער האט אים גלייך אריינגענומען אינעווייניג און אים געבעטן אז ער זאל זיך לאזן הערן.

ווען דער ראש הקהל האט זיך אוועקגעזעצט, האט ער זיך גענומען וויינען אן אויפהער, און אזוי פאר לאנגע מינוטן האט ער זיך נישט געקענט בארואיגן. זיין הייליגער רבי דער חתם סופר האט אים געלאזט אראפלאדענען זיין גרויסן צער דורך זיין געוויין, און ווען ער האט זיך אביסל בארואיגט, האט אים דער הייליגער חתם סופר געבעטן אז ער זאל ערקלערן דאס וואס דרוקט אים, אויף א מסודר'דיגן אופן, און ער זאל גארנישט באהאלטן פון אים.

אין קורצע ווערטער האט דער ראש הקהל אנגעהויבן אראפלייגן זיין שווערע צרה, ערקלערנדיג אז אין די לעצטע תקופה האבן זיינע פילע און פארצווייגטע

## מִצְוָה גּוֹרֶרֶת מִצְוָה

**"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר וְהִתְיַצֵּב לִפְנֵי פַרְעֹה וגו'"** (ח, טז)

געשעפטן אנגעהויבן דראַסטיש צו פאלן. אין יעדער געשעפט וואס ער האט נאר צוגעלייגט א האנט האט ער דערהאלטן א שטארקע דורכפאל, און די גרויסע פארלוסטן האבן אים נאכגעיאגט איינס נאכן אנדערן, און ביז א קורצע צייט איז ער אראפגעגאנגען מַטָּה מַטָּה, און ער האט פארלוירן זיין גאנצן פארמעגן. און אויב דאס איז נאכנישט גענוג, וואס זיין פינאנציעלע צושטאנד איז געווארן אזוי ענג, און ער איז געווארן אן עָנִי וְאֶבְיוֹן, איז ער נאך יעצט אויך געווארן א גרויסער 'בעל חוב'. ווייל ווי דער שטייגער פון רייכע סוחרים, האט ער אויך געשלאסן פילע געשעפטן אויפן חשבון פונעם עתיד, און יעצט אז אלע זיינע געשעפטן זענען דורכגעפאלן ווייסט ער נישט פון וואו ער זאל אנהייבן באצאלן זיינע חובות.

"דער רבי זאל מיר מוחל זיין", האט דער ראש הקהל ווייטער געזאגט, "אז איך בין אריינגעקומען אין אזא צייט, טראצדעם וואס איך ווייס ווי טייער די צייט איז פארן רבי'ן, אבער איך האב עס געטון נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, און איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך פון גרויס בושה און צער. עס איז קיינער נישטא אויף דער וועלט וואס ווייסט געהעריג מיין מצב, אפילו פאר מיין הויזגעזינד האב איך עס נישט דערציילט. איך בין זיכער אז אויב דער זאך וועט באוואוסט ווערן, חלילה, צו די פילע מענטשן וואס איך בין זיי שולדיג געלט, וועלן זיי מיר שרעקליך רודפ'ן, כדי צו ראטעווען זייער געלט, און לאמיר אפילו נישט טראכטן פון די געפערליכע בזיונות וואס וועלן זיך גיסן אויף מיר און אויף מיין משפחה, און איך קען נישט צו זיך קומען און טראכטן וואס צו טון אין אזא סארט מצב...

נאך אסאך ספיקות און טראכטן וואס צו טון, האב איך דערוויל באשלאסן צו אנטלויפן שטילערהייט פון שטאט פאר א לענגערע צייט, און איך בין יעצט געקומען זיך צו געזעגענען און נעמען א ברכה פונעם הייליגן רבי'ן און צו דאווענען פאר מיר, און ווי פארשטענדליך זאל מען גארנישט דערציילן פאר קיין שום באשעפעניש אויף דער וועלט.

נאכדעם וואס דער הייליגער חתם סופר האט געהערט זיינע ווערטער מיט ערנסטקייט, האט ער זיך פארזינקען אין זיינע געדאנקען פאר א שטיק צייט, און עטליכע מינוט שפעטער האט ער גענומען די האנט פון דער חשוב'ער ראש הקהל, און געזאגט צו אים: ניין! ניין! בשום אופן איז אסור פאר א איד זיך חלילה צו מייאש זיין, אויך נישט אין שווערע מצבים, און השי"ת וועט אייך אוודאי העלפן און שטיצן!

אבער וואס קען איך טון, האט דער ראש הקהל געוויינט, אז היינט אינדערפרי דארפן אנקומען צו מיר עטליכע מכובד'יגע סוחרים צו איינמאנען זייער חוב, און איך האב גארנישט זיי צו באצאלן!

אויב אזוי, האט דער הייליגער חתם סופר גע'פסק'נט, דארפסטו שוין ארויסגיין פון דא און ארויספארן פון שטאט! אבער, אנשטאט צו אנטלויפן פון די צרה, זאלסטו גלייך פארן צו דער גרויסער יריד וואס קומט יעצט פאָר אינעם הויפטשטאָט, און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן!

דער ראש הקהל האט געהערט און פארשטאנען. ער האט נאר נישט געוואוסט וויאזוי ער וועט האנדלען אינעם ריזיגן יריד, אן קיין געלט אין האנט... - ער האט פאָרגעלייגט זיין פראגע פארן רבי'ן: דער יריד צו וועלכער דער רבי שיקט מיר, איז דאך געאייגנט פאר גרויסע עשירים... די קלענסטע געשעפטן וואס מען שליסט דארט, הייבן זיך אן מיט גרעסערע סומעס געלט... און יעצט בין איך דאך ריין פון מיין גאנצן פארמעגן, און איך האב אפילו נישט קיין איינציגע פרוטה ביי מיר!

האט אים דער הייליגער חתם סופר געזאגט: הער זיך גוט צו, איך האב דא ביי מיר א מכובד'יגער סומע פון **'הונדערט רייניש'** קעש, עס איז טאקע נישט קיין גרויסע סומע, איך בין אבער זיכער אז פאר אן אנהייב איז עס גוט, און דו וועסט קענען געפינען עפעס א געשעפט צו האנדלען דערמיט! איך וועל דיר בארגן דער סומע בתורת הלוואה, און מיטן אויבערשטנ'ס ווילן ווען עס וועט דיר ברייטער ווערן וועסטו מיר באצאלן דעם חוב. און יעצט אייל זיך צו און לאז זיך שוין ארויס אין וועג!

דער ראש הקהל האט זיך שטארק באדאנקט פארן רביעל העידוד ועל העצה וההדרכה, והרכין את ראשו צו נעמען א ברכה, און דער רבי האט געלייגט זיינע צוויי הייליגע הענט אויף זיין קעפ און אים געבענטשט, ווינטשנדיג אים א גוטע רייזע, און אז ער זאל מצליח זיין אין אלעס וואס ער טוט, און דער אויבערשטער זאל זיין מיט אים.

האט זיך דער ראש הקהל גלייך ארויסגעלאזט אויף זיין לאנגע רייזע, און איז אנגעקומען צום הויפטשטאט אזוי ווי דער רבי האט אים געהייסן. ווי נאר ער איז אנגעקומען אין שטאט, האט ער זיך געוואנדן צום גרויסן יריד, כדי נישט צו פארשפעטיגן אויסצופירן דעם באפעל פון זיין רבי.

גלייך ווען ער איז אריינגעקומען אינעם יריד, האט זיך געוואנדן צו אים א גרויסער עושר וואס איז נארוואס אנגעקומען פון **האלאנד**, וועלכער האט אים נישט געקענט פון פריער און האט קיינמאל נישט געטון מיט אים קיין געשעפטן. ער האט אבער ווי עס זעט אויס געפינען חן אין די אויגן פון יענעם סוחר, וועלכער האט אים געבעטן אז ער זאל קומען מיט אים אין א זייט, ווייל ער וויל עפעס רעדן מיט אים.

זענען זיי געגאנגען צוזאמען אין א ווינקל, און דער האלענדישער סוחר האט אנגעהויבן אראפלייגן זיין הצעה: הער אויס, איר זעט מיר אויס ווי אן ערליכער און ארנטליכער מענטש. אט בין איך יעצט אנגעקומען פון **אמסטערדאם**, די הויפטשטאט פון האלאנד, מיט א ריזיגער שיף פול מיט ספעציעלע סחורה פון **קאווע קערנדלעך**. אבער יעצט האב איך דערהאלטן א וויכטיגע טעלעגראם אז איך מוז זיך שוין ארויסלאזן תיכף ומיד צוריק קיין האלאנד, און איך האב נישט יעצט קיין צייט זיך צו באשעפטיגן מיט די סחורה. אזוי ווי איר ווייסט, האלט די פרייז פון קאווע ביים ארויפגיין מיט גאר גרויסע פראצענטן אין די נאנטע טעג, נאר וויבאלד איך אייל זיך ארויסצוגיין אין וועג, וויל איך שוין אויפן ארט פארקויפן די גאנצע סחורה! [דער קאווע האנדל איז אין יענע צייטן געווען איינס פון די בעסטע געשעפטן, וויבאלד אין יענע צייטן האט עס אנגעהויבן צו ווערן פארשפרייט, כידוע].

זעענדיג דאס, האט אונזער ראש הקהל גלייך פארשטאנען, אז דאס איז נישט עפעס אנדערש ווי די ברכה פון דער צדיק וואס באגלייט אים, און ער האט געגעבן זיין צושטימונג צו דעם געשעפט. אבער דער פראבלעם איז, האט ער געגעבן צו פארשטיין פארן האלענדישער סוחר, אז איך האב דא ביי מיר בלויז **'הונדערט רייניש'**, אינדערצייט וואס אזא ריזיגער

המשך אין עמוד ד'

קוואנטום פון די טייערע סחורה איז דאך אוודאי ווערד צענדליגער טויזנטער...

דאס איז נישט קיין פראבלעם! האט דער סוחר גלייך געגעבן א מאך אוועק מיטן האנט, איך האב אוודאי נישט אינזינען געהאט אז דו זאלסט מיר שוין יעצט געבן אזא ריזיגע סומע אין קעש-מזומן... נאר ווי דער שטייגער פון סוחרים, צאלט מען ביים אונטערשרייבן דעם קאנטראקט א געוויסער טייל מיט מזומן, און דאס איבעריגע געבט מען אויף באָרג. יעצט וועסטו מיר געבן די 'הונדערט רייניש' וואס דו האסט ביי מיר, כאטש דאס איז זייער א קליינער סכום, און אייגנטליך וואלט געווען פאסיג צו צאלן פון פאראויס לְכָל הַפָּחוֹת פינף טויזנט, אבער וויבאלד איך פארלאז זיך אויף דיין יושר און דיין ערליכקייט, און אויך וויבאלד איך אייל מיך זייער, וועט מיר דאס זיין גענוג, און דו וועסט מיר געבן א **'וועקסל'** [שטר חוב, אזוי ווי א 'טשעק' היינטיגע צייטן] אויף די איבעריגע געלט, וואס דו וועסט עס באצאלן אין די קומענדיגע חדשים.

דאס געשעפט איז געשלאסן געווארן כדת וכדין, און די ריזיגע שיף מיט די גאנצע סחורה איז אריבערגעאנגען צום רשות פון אונזער ראש הקהל, און דער סוחר האט זיך גלייך ארויסגעלאזט אין וועג קיין האלאנד.

נאך איידער צוויי טעג זענען אריבער, איז פלוצלונג דער פרייז פון קאווע 'געשפרינגען' מיט הונדערטער פראצענטן, דער פרייז דערפון איז געווארן זייער הויך. א הארבער מאנגל אין קאווע האט זיך געשאפן אין לאנד, און דער מערסט געוואונטשענער פראדוקט אינעם יריד איז געווען נישט עפעס אנדערש ווי קאווע...

זייער א לאנגע רייע פון רייכע סוחרים האט זיך געצויגן ארום דעם טישל פון אונזער ראש הקהל, נאכדעם וואס עס האט זיך צושפרייט די שמועה אינעם יריד, אז ער האלט ביי זיך פרישע און פיינע סחורה פון 'קאווע קערנדלעך' פון א גוטע קוואליטעט, וואס זענען נארוואס אנגעקומען פון האלאנד. די קליענטן זענען געווען גרייט צו באצאלן וויפיל ער האט נאר געבעטן, און ביז געציילטע טעג איז די גאנצע סחורה פארקויפט געווארן, און דער ראש הקהל האט זיך געטראפן אלץ א גרויסער עושר, אסאך מאל גרעסער ווי דאס וואס ער איז געווען ביז היינט...

דער עושר איז געווען אויסער-זיך פון גרויס באגייסטערונג און שמחה, ער איז געווען זיכער אז דאס אלעס איז געקומען צו אים דורך זיין הייליגע רבי מיט זיינע תפילות און ברכות, און אין זיין זכות האט אים השי"ת ארויסגעצויגן פון א טיפע גרוב צו אזא הויכע און געוואלדיגע הצלחה. איידער ער האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג צוריק אהיימצופארן, איז ער געגאנגען צום בריליאנטן סוחר דארט אינעם גרויסן יריד, און האט געקויפט א גאר ספעציעלן **'בריליאנט'**, אלץ מתנה צו זיין הייליגער רבי דער חתם סופר.

ווען דער ראש הקהל האט זיך צוריקגעקערט קיין פרעשבורג, איז ער גלייך געגאנגען צום הויז פון זיין רבי, און מיט גרויס פרייד און באגייסטערונג האט ער דערציילט אלע וואונדערליכע זאכן וואס איז געשען מיט אים, ווי פון א צרה איז ער ארויסגעגאנגען צו אויסלייזונג און דערברייטערונג. גלייך אויפן ארט האט ער ארויסגעצויגן 'הונדערט רייניש' פון זיין טאש, צו באצאלן די הלוואה וואס ער האט געבארגט איידער ער האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג, און אין דער זעלבער צייט האט ער ארויסגעצויגן פון זיין טאש דעם פראכטפולן בריליאנט וואס ער האט געברענגט אלץ געשאנק פארן הייליגן רבי'ן.

דער הייליגער חתם סופר האט גענומען דעם בריליאנט אין זיינע הענט, און האט עס גענומען באטראכטן פון אלע זייטן און פון אלע ווינקלען, דאס איז טאקע געווען זייער א שיינער בריליאנט! און דער הייליגער חתם סופר איז זייער נתפעל געווארן פון אט דעם טייערן שטיין. פאר א לענגערע צייט האט ער באטראכט דעם בריליאנט איינמאל און נאכאמאל, און עס שטארק אויסגעלויבט, באוואונדערן זיין הערליכן שיינקייט.

נאכדעם האט ער גענומען דעם בריליאנט און עס צוריקגעגעבן פארן בעל הבית, און זיך גוזאגט: דאס איז דאך **ריבית דאורייתא!** און עס איז אסור פאר מיר דאס צו נעמען! ער האט פריינטליך אהיימגעשיקט דעם ראש הקהל, גליקליך און צופרידן אויף אלע חסדים וואס דער אויבערשטער האט געטון מיט אים!

די תלמידים וואס זענען דעמאלטס געזעצן אין פארנט פונעם הייליגן חתם סופר, האבן זיך זייער שטארק געוואונדערט, נישט קענענדיג פארשטיין וויאזוי זייער הייליגער רבי האט אזוי לאנג געהאלטן דעם טייערן בריליאנט, און עס האט אויסגעזען ווי ער האט א ספק און עכטיג וויל ער האבן דעם בריליאנט - אבער אויב עס איז ריבית, וואלט ער עס געדארפט גלייך ארויסלאזן פון זיין האנט!

דער הייליגער חתם סופר האט באמערקט זייע וואונדער, און זיי ערקלערט: הערט אויס, וואס עס איז געשען צו מיין הייליגער רבי, **מוהר"ר נתן אַדלער זצוק"ל.**

די תלמידים האבן צוגענייגט זייער אויער, נישט צו פארפעלן קיין ווארט, און דער הייליגער חתם סופר האט אנגעהויבן צו דערציילן:

***

צוריק מיט אסאך יארן, ווען איך בין געזעצן אין פארנט פון מוֹרִי וְרַבִּי הַצַּדִּיק, איז אנגעקומען די שמועה איבער א **'פריץ'** וועלכער איז געווען א רָשָׁע עָרִיץ און האב שטארק ענג געמאכט פאר אחינו בני ישראל, רודפ'נדיג די אידן מיט זיינע גזירות. וויבאלד דער פריץ האט געקענט דער רב און אים געשעצט, איז געקומען א 'משלחת' [דעלעגאציע] פון די חשוב'ע אידן פון יענעם פלאץ, צו בעטן פון מיין הייליגער רבי, רבי נתן אדלער, אז ער זאל טון השתדלות פאר זיי ביים פריץ, און אים בעטן אז ער זאל צושטערן די שווערע גזירות וואס ער האט ארויסגעגעבן אנטקעגן זיי.

דער הייליגער צדיק האט גלייך מסכים געווען, ערקלערנדיג אז וויבאלד דאס איז א גאר וויכטיגער ענין פון הצלת ישראל, דארף מען זיך שוין ארויסלאזן אין וועג, תיכף ומיד. נאר פלוצלונג האט אנגעהויבן אראפצוגיין א שניי, און מען האט נישט געפינען קיין 'בעל עגלה' וואס זאל צושטימען זיך ארויסצולאזן אין וועג אין אזא שווערע וועטער.

רבי נתן אדלער האט אבער באפוילן זיין תלמיד, דער הייליגער חתם סופר, אז ער זאל צוזאגן א בעסערן פרייז, און פאר א גוטן פרייז וועט מען אוודאי קענען טרעפן א בעל עגלה וואס זאל מסכים זיין ארויסצוגיין אין וועג. מען האט טאקע געטראפן א קרעפטיגער בעל עגלה, וועלכער איז אנגעקומען מיט א פראכטפולע וואגן און צוויי שטארקע פערד, און פאר א געפערפערטן פרייז האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג.

דער שניי האט זיך נישט אויפגעהערט ווען די צוויי הייליגע צדיקים, רבי נתן אדלער און זיין תלמיד דער חתם סופר, האבן זיך ארויסגעלאזט אין וועג, נאר אדרבה, עס איז געווארן שטארקער און שטארקער, און א הויכע שניי האט זיך אנגעהויפנט איבער די וועגן. - דער בעל עגלה האט געוואוסט וואס מען דארף טון אין אזעלכע פעלער, און ער האט געמאכט זיין וועג אפילו צווישן די שניי. אבער זייענדיג טיף אינמיטן וועג, איז דאס פאָרן געווארן שווערער און שווערער. דער וואגן האט געזינקען אלץ טיפער און טיפער אין די שווערע שניי, ביז עס איז געבליבן שטעקן אינמיטן, און מען האט נישט געקענט פארן ווייטער. - אויב דער מצב איז אזוי, האט דער בעל עגלה געגעבן צו פארשטיין, איז נישטא קיין אנדער ברירה, נאר ארייינצוגיין אין די נאנטסטע שטאט, און ברענגען פון דארט נאך צוויי שטארקע פרד, און האפנטליך מיט פיר שטארקע און העלדישע פערד וועט מען קענען ווייטער פארן.

דער רב איז געבליבן אינעווייניג אינעם וואגן צוזאמען מיט זיין תלמיד, און דער גוי איז געגאנגען ברענגען די פערד. עס האט נישט געדויערט לאנג, און אט האבן זיי געזען ווי דער גוי קומט צוריק מיט די בהמות, און ער רופט אויס אז ער גייט זיי שוין צובינדן צום וואגן, און מען פארט ווייטער!

פלוצלונג איז דער הייליגער רבי נתן אדלער אויפגעשפרינגען ווי א שלאנג-געביסענער, און ארויסגעטאנצן צו די שווערע שניי, מיט די בלויזע זאקן אויף זיינע פיס [וויבאלד ער האט איבערגעלאזט די שווערע שטיוול אינעווייניג אין וואגן], און געשריגן צו זיין תלמיד דער הייליגער חתם סופר אז ער זאל שוין ארויסשפרינגען פונעם וואגן צוזאמען מיט אים. ווי נאר ער איז ארויסגעטאנצן, האט רבי נתן אנגעהויבן טאנצן מיט אים, אזוי מיט די זאקן איבער די שניי... און אזוי האבן זיי געטאנצן מיט גרויס שמחה!

דער הייליגער חתם סופר האט זיך זייער געוואונדערט: וואס איז דא די גרויסע שמחה, אין די שווערע שניי?

זיין הייליגער רבי האט געווינקען צו די בהמות, און זיך אנגערופן צו זיין רבי: קוק נאר און זע וואס דער בעל עגלה האט געברענגט מיט זיך!

יעצט האט דער הייליגער חתם סופר באמערקט, אז אנשטאט צוויי פערד האט דער בעל עגלה געברענגט צוויי שטארקע אקסן! ווי עס זעט אויס, האט ער נישט געטראפן קיין פערד... און יעצט ווען ער האט צוגעבינדן די אקסן צוזאמען מיט די פערד אז זיי זאלן אינאיינעם שלעפן דער וואגן, איז דא פארהאנען א קלארער איסור דאורייתא (דברים כב, י): **"לֹא תַחֲרֹשׁ בְּשׁוֹר וּבַחֲמֹר יַחְדָּו"!** ווייל מיט א קליינעם שאקל וואס די רייזנדע אויפן וואגן וועלן זיך רוקן, און פירן דורכדעם דעם אקס מיטן פערד, קען מען חלילה עובר זיין אויף אן איסור דאורייתא גמור!

איך האב נאך קיינמאל נישט זוכה געווען צו מקיים זיין די מצוה! - האט דער געזיכט פון רבי נתן אדלער אויפגעלויכטן - און יעצט אין זכות פונעם מסירות נפש וואס מיר האבן זיך ארויסגעלאזט צו די מצוה פון ראטעווען אידישע לעבנס, האבן מיר מן השמים זוכה געווען צו אט די זעלטענע מצוה!

און די שמחה וואס דער הייליגער רבי נתן אדלער האט געהאט יענעם טאג, איז געווען זייער גרויס, דערפאר וואס ער האט מקיים געווען אט די גרויסע און טייערע מצוה.

- אויך איך, האט דער הייליגער חתם סופר אויסגעפירט זיין וואונדערליכן דערציילונג, האב נאך קיינמאל פריער נישט זוכה געווען מקיים צו זיין בפועל די מצוה פון ריבית! און יעצט, אין זכות פון די מצוה פון הלוואה וואס איך האב מקיים געווען ביי דער מענטש, און איך האב אים געהאלפן ארויסגיין פון זיין פלאנטער, האט מען מיר מזכה געווען מן השמים מיט אט די געוואלדיגע מצוה פון איסור ריבית! - און דעריבער האב איך מיך געטשאַטשקעט מיטן בריליאנט, צוליב די חביבות פונעם זעלטענעם הידור מצוה צו וועלכע איך האב זוכה געווען!

**מִצְוָה גּוֹרֶרֶת מִצְוָה!**

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ **רבי גמליאל הכהן רבינוביץ** שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173